בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קי"ט

יו"ל: י"ד אייר ה'תשפ"ג לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**"צַדִּיקִים יִירְשׁוּ אָרֶץ"**

**זמן נסיעת הבעל שם לארץ ישראל**

**הנוסח בסיפור נסיעת הבעל שם**

**צוריק קיין איסטאנבול...**

**"מיר ווילן הערן פון אייך!"**

**אז מען פאלגט אים נישט, וואס פארט מען צו אים?!**

**אפגעהיט דאס קינד**

**דער פארבריק דארף ווייטער ארבעטן**

**איי, די 'הערצער' מיט די 'קולות'...**

**"וְגַם תְּקַבֵּל הַשִּׁיר שֶׁנִּתְחַדֵּשׁ עַתָּה"**

**זיך געזעגנט מיט א ליד**

**וואס הייסט ציצית? היטן די אויגן!**

**דעם רבי'נס עצות**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
**ארה"ק: 02.560.7387**
**ארה"ב: 646.585.2985**
**ענגלאנד: 0330.390.0487**
**בעלגיע: 03.808.1775**
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #119**

מכון טעם זקנים שיחתו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל


הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**



©
כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

בס"ד

# אסרו חג פסח

## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 164#)

## "צַדִּיקִים יִירְשׁוּ אָרֶץ"

(ר' נחמן בורשטיין: אין "שבחי בעל שם" ברענגט ער[א], רבי נחמן הוראדענקער האט דערציילט אז איידער ער איז מקורב געווארן צום בעל שם האט ער פאראַרבעט תעניתים וסיגופים; ער פלעגט גיין אין א קאלטע מקוה, אז ער איז ארויס פון דער מקוה איז געווען אזוי קאלט אז ער איז צוגעגאנגען צום אויוון ווען עס האט געגליעט, האט ער נישט געשפירט די היץ פון דעם, פונדעסטוועגן האט ער נישט געקענט פטור ווערן פון מחשבות זרות ביז ער איז מקורב געווארן צום בעל שם! זיין עבודה איז געווען געוואלדיג, אבער פטור ווערן פון מחשבות זרות איז נאר ביים בעל שם!)

(ר' נחמן: מען ווייסט נישט ווי אזוי רבי נחמן הוראדענקער'ס פאטער האט געהייסן? אויף דער מציבה שטייט נישט!) **וואס שטייט?** (ר' נחמן: דאכט זיך "ר' נחמן מהוראדענקא") **און מער נישט? אויף די אנדערע מציבות שטייט יא א נאמען?** (ר' נחמן: די אנדערע מציבות איז אויך צעהאקט און אפגעריבן!)

**ביי ר' מענדעלע'ן** (וויטעבסקער) **שטייט יא דער נאמען?** (ר' נחמן: איר זענט געווען אמאל דארטן?) **ניין, איך בין קיינמאל נישט געווען, איך פאר דורך, אבער אריינגעגאנגען בין איך נאכנישט.**

---

[א] וז"ל שם: פעם אחת שמעתי מר' נחמן מהוראדענקע שאמר, כשהייתי חסיד גדול הלכתי בכל יום למקוה קרה, שבדור זה לא יוכל לסבול שום אדם מקוה כזו. וכשבאתי לביתי ומצאתי המקום חם מאוד עד שכמעט בערו הכתלים ולא הרגשתי החמימות לערך שעה, ואעפ"כ לא הייתי יכול לפטור מן מחשבות זרות, עד שהוכרחתי לחכמת הבעש"ט.

(ר' נחמן: איר זענט געווען ביים אפטער רב אין מעזיבוזש?) **יא!**

(אחד הנוכחים: מען זאגט אז ער ליגט דארט אין טבריא!) **נו, שוין, אלע צדיקים זענען אין ארץ ישראל[ב], פונדעסטוועגן, גייט מען על קברם** ( - שבחוץ לארץ)**, מען פארט דאך צום רבי'ן אויפן ציון!**

(אחד הנוכחים: "צדיקים ירשו ארץ!") **יא, דאס איז א באזונדערע זאך[ג]. אבער צדיקים וואס ליגן אין חוץ לארץ – מיט די אלע חשבונות וואס מען מאכט אויבן פונדעסטוועגן גייט מען 'על קברם'.**

**דער רבי האט דאך געזאגט אז מען זאל גיין צום בעל שם הקדוש'ס קבר! און ער איז דאך געווים אין ארץ ישראל – דער בעל שם הקדוש; דאס איז צוויי זאכן, ער איז דא און ער איז דארטן!**

❖

(ר' נחמן: ר' ישעי' יאנובער - דער וואס האט געמאכט די צוואת הריב"ש, דאס איז דער זעלבער וואס ליגט אין סמילע - דער וואס דער רבי פלעגט פארן אויף זיין ציון?) **יא, עס שטייט דאך דארט[ד] "ר' ישעי' מיאנוב" - דער רבי פלעגט גיין צו אים אויפן ציון.**

---

[ב] עי' ספר 'שער החצר' סי' קל"א ובסיפור נורא המובא שם.

[ג] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"ט: **סִפֵּר עִמִּי מֵעִנְיַן קֶבֶר הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב מְאֹד לִהְיוֹת שָׁם עַל קִבְרוֹ. וְאָמַר כִּי "צַדִּיקִים יִירְשׁוּ אָרֶץ"** (תְּהִלִּים ל"ז), הַיְנוּ שֶׁהַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים יוֹרְשִׁים אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שֶׁזּוֹכִין שֶׁמְּקוֹם גְּנִיזָתָם הוּא קָדוֹשׁ בִּקְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מַמָּשׁ, וְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּא תִּקּוּן גָּדוֹל לִפְגַם הַבְּרִית.

[ד] עיין שבחי הר"ן אות כ': וּבְעֵת שֶׁהָיָה יוֹשֵׁב בְּבֵית חוֹתְנוֹ, כְּשֶׁהָיָה חָפֵץ לְדַבֵּר עִם הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דְּהַיְנוּ לֵילֵךְ עַל קִבְרוֹ וּלְבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ אֵיזֶה דְּבַר בַּקָּשָׁה, הָיָה רָגִיל לִנְסֹעַ לִקְהִלַּת **סְמִילָא** שֶׁהָיָה סָמוּךְ לְבֵית חוֹתְנוֹ. וְהָלַךְ עַל קֶבֶר **הַצַּדִּיק הַמְפֻרְסָם מוֹרֵנוּ הָרַב יְשַׁעְיָה מִיַּאנוּב**, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁהוּא מֻנָּח שָׁם. וְעָשָׂה אֶת הַצַּדִּיק הַנַּ"ל לְשָׁלִיחַ, שֶׁיֵּלֵךְ וְיוֹדִיעַ לְהַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אֶת בַּקָּשָׁתוֹ מַה שֶּׁהָיָה צָרִיךְ אָז.

(ר' נחמן: דער רבי האט געזאגט[ה], פריער האט ער געקענט וויסן א זאך פון דעם זיידן דורך רבי ישעי' - "הָיָה שׁוֹלֵחַ אֶת הַצַּדִּיק רַבִּי יְשַׁעְיָה זַ"ל הַשּׁוֹכֵב בְּסמִילֶע וְעַכְשָׁיו וְכוּ' וְאֵינוֹ יָכוֹל לְשָׁלְחוֹ") סמילע איז לעבן טשערקאס. (ר' נחמן: וואס איז דער "ועכשיו וכו'") עס שטייט דאך נישט וואס.

❖

# זמן נסיעת הבעל שם לארץ ישראל

(ר' נחמן: דער בעל שם האט מיטגענומען מיט זיך דאס קעסטעלע כתבים; וואס איז געווען די סיבה? ער האט נישט געטרויעט קיינעם דאס קעסטעלע?) אדל'ע, זי איז געווען די (ממונה) - די כתבים זענען געווען ביי איר, עס איז געווען מיט דעם שליסל פארשלאסן. (ר' נחמן: זי האט געהאלטן ביי איר אלעמאל די כתבים?) **יא!**

אויף רבי נחמן האראדענקער שטייט[ו]: "נאמן ביתי". פלעגט מען אויך זאגן, 'נאמן ביתי' - אז 'ער' האט געמעגט קוקן די כתבים.

אז דער בעל שם איז נישט געווען, איז זי - אדל, געווען, פאר איר האט ער איבערגעגעבן די זאך פון די כתבים, זי האט עס געהיטן עס זאל קיינער נישט קענען צוגיין, מען זאל נישט קענען קוקן. אבער מען זאגט אז רבי נחמן האט יא געקענט קוקן די כתבים.

אז דער בעל שם איז געווען, איז דאך נישטא וואס צו רעדן, וועמען ער האט געלאזט - האט געקוקט, וועמען נישט – נישט, אבער אז דער בעל שם הקדוש איז נישט געווען, איז זי – אדל'ע, געווען די (- הממונה).

---

[ה] עיין חיי מוהר"ן אות קל"ג: וְאָמַר שֶׁגַּם מִטַּעַם זֶה הוּא נוֹסֵעַ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כִּי מִקֹּדֶם כְּשֶׁהָיָה צָרִיךְ דָּבָר מִזְּקֵנוֹ רַבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הַשּׁוֹכֵב בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָיָה שׁוֹלֵחַ אֶת **הַצַּדִּיק רַבִּי יְשַׁעְיָה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הַשּׁוֹכֵב בְּסמִילֶע וְעַכְשָׁיו וְכוּ'** וְאֵינוֹ יָכוֹל לְשָׁלְחוֹ. עַל כֵּן הוּא נוֹסֵעַ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כְּדֵי לְדַבֵּר עִם זְקֵנוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וּלְהַעֲמִיד עִמּוֹ אֹפֶן אֵיךְ יוּכַל לֵידַע מִמֶּנּוּ תָּמִיד מַה שֶּׁהוּא צָרִיךְ לֵידַע עַל יָדוֹ.

[ו] כך מתארו הבעל שם בעצמו במכתביו.

(ר' נחמן: זי איז נאך געווען א מיידל דעמאלט ביי די נסיעה קיין ארץ ישראל?) **מען ווייסט נישט וואספארא יאר די נסיעה איז געווען[ז].**

**ר' גרשון קיטעווער איז דאך געווען שוין פריער אין ארץ ישראל, ער האט געלערנט ביי דעם אור החיים הקדוש אין ישיבה. ער האט געזאגט** (האוחה"ק)**: "איך קען אים - ר' ישראל בן שרה שמו!"[ח].**

**האט ר' גרשון קיטעווער געזאגט, דער שוואגער - דער בעל שם שרייבט אים אלעמאל בריוון, און ער שרייבט אים אז ער זעהט אים דארטן - דעם אור החיים הקדוש. זאגט ער** (האור החיים הקדוש)**: "פרעג אים, צו זעהט ער מיר אינגאנצן, צו נישט אינגאנצן!" האט אים דער בעל שם הקדוש געענטפערט, ער זעהט אלעס נאר די פיס זעהט ער נישט. האט ער אים געזאגט: "גיי זאג אים, עס איז אומזינסט זיין ארבעט - ער וועט נישט קומען קיין ארץ ישראל!"**

(ר' נחמן: עס איז טאקע ריכטיג אז דער תכלית הנסיעה איז געווען ווייל ער האט זיך געוואלט זעהן מיט דעם אור החיים הקדוש?) **מען זאגט אז יא, ער האט זיך געוואלט זעהן מיט אים!**

**מען ווייסט נישט וואספארא יאר עס איז געווען די נסיעה וואס מען דערציילט די מעשה.**

(ר' נחמן: פון דעם סיפור וואס מען דערציילט קומט אוים אז עס איז נישט געווען אין איין זמן די אלע זאכן!) **פארוואס?** (ר' נחמן: ווייל איך האב געזעהן באשריבן אין אנדערע ספרים וועגן דעם ענין פון איסטאנבול אז עס איז געווען אין אַן אנדער זמן!) **ווער זאגט עס? ווער זאגט עס?** (ר' נחמן: די מעשה מיט עולם הבאָ?) **דאס איז אלץ געווען ביי 'דעם' פסח - איך האב עס געהערט דערציילן אסאך מאל אלס איין סיפור!**

---

[ז] עיין שיש"ק (חדש) ח"א, שע"ג, הערה נ"ג.

[ח] עיין שיש"ק שם, ש"ע.

(ר' נחמן: דער רבי ברענגט[ט]: "ומה עשה הבעל שם טוב זצ"ל על הים כשהסיתו הבעל דבר וכו'" - דאס איז אויך געווען דעמאלט?) **דער סיפור רעדט זיך נישט דערפון, און מען דארף אויך נישט רעדן דערפון! דער רבי ברענגט עס, אבער מען דארף נישט רעדן דערפון.** (ר' נחמן: דער רבי זאגט: "כשהסיתו הבעל דבר" וכו') **נו![י]**

**דער רבי האט דאך געזאגט קעגן ארץ ישראל[יא]: דאס אלעס וואס איז איבערגעגאנגען אויף די צדיקים איז אויף אים אויך אריבער, אבער דאס קטנות וואס דער רבי האט געמאכט - דאס האבן זיי נישט געקענט בשום אופן, דאס קטנות וואס דער רבי האט זיך געקענט מאכן אין אזא מין זמן דאס האבן זיי נישט געקענט.**

**'קטנות' - און דער מח זאל זיין א מח! פון אויבן אויף קטנות, אבער דער מח איז געווען א מח, דאס איז א געוואלדיגע זאך! דערפאר ווייל דער רבי האט דאס יא געקענט די זאך - איז ער יא געקומען קיין ארץ ישראל!**

(ר' נחמן: אין שיחות הר"ן [סימן מ"ח] שטייט[יב]: "עד שנדמה לו" פארן בעל שם אז ער האט נישט קיין עולם הבא! - אזא לשון שטייט: 'נדמה לו')

❖

---

[ט] ליקוטי מוהר"ן תנינא סי' מ"ח, וזל"ש: **וּמֶה עָשָׂה הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זַצַ"ל עַל הַיָּם, כְּשֶׁהֱסִיתוֹ הַבַּעַל דָּבָר וְכוּ'**. וּמִזֶּה תָּבִין, עַד הֵיכָן אַתָּה צָרִיךְ לְהִתְחַזֵּק וְלִבְלִי לְיָאֵשׁ עַצְמְךָ, חַס וְשָׁלוֹם, אַף אִם יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה.

[י] עיין 'תולדות יעקב יוסף' בסופו, "ואלה הדברים ששמעתי ממורי זלה"ה וכתבתי רק ראשי פרקים", אות י'. גם עיין 'נתיב מצוותיך' שביל א' אות ט'. גם עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, אות תשכ"ג.

[יא] עיין חיי מוהר"ן אות קל"ט- ק"מ: "וְאָמַר שֶׁהַבַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְהַגָּאוֹן רַבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא יָכְלוּ לָבוֹא לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מֵחֲמַת הַמְּנִיעוֹת שֶׁהָיוּ לָהֶם **וְהוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָיָה עָלָיו כָּל הַמְּנִיעוֹת שֶׁהָיוּ לָהֶם וְעָבַר עַל כֻּלָּם** וְהַקַּטְנוּת הַנַּ"ל הוֹעִיל לוֹ מְאֹד, וּבְלֹא זֶה לֹא הָיָה יָכוֹל לָבוֹא לְשָׁם" וכו' עיין שם.

[יב] וזל"ש: וּכְעֵין מַה שֶּׁמְּסַפְּרִים בְּשֵׁם הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, שֶׁפַּעַם אַחַת נָפַל בְּדַעְתּוֹ מְאֹד מְאֹד **עַד שֶׁנִּדְמֶה לוֹ** שֶׁבְּוַדַּאי לֹא יִהְיֶה לוֹ עוֹלָם הַבָּא חַס וְשָׁלוֹם, וְלֹא הָיָה לוֹ בַּמֶּה לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּלָל, וְאָמַר: אֲנִי אוֹהֵב אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּלֹא עוֹלָם הַבָּא. וְכָל אָדָם אֲפִלּוּ אִישׁ פָּשׁוּט אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת כִּי־אִם כְּשֶׁיָּכוֹל לַעֲמֹד בַּכֹּל כַּנַּ"ל.

# הנוסח בסיפור נסיעת הבעל שם

(אחד הנוכחים: ר' שמשון בארסקי פלעגט זאגן פון וועמען ער האט געהערט די מעשה?) **ער האט דאס געהערט פון ר' משה ברסלב'ער - אים האט דאך ר' משה ברסלב'ער מקרב געווען[ג], פלעגט ער דאס דערציילן אזוי ווי ר' משה ברסלב'ער האט דאס דערציילט.**

**רבי אברהם ר' נחמן'ס איז אמאל געזעצן בשעת ר' שמשון האט דערציילט די מעשה, האב איך אים איבער געפרעגט, האט ער געזאגט: "נו, עס איז דא נוסחאות!".**

(ר' נחמן: וואס הייסט 'עס איז דא נוסחאות'?) **ער האט אים נישט איבערגעשפארט - 'עס איז דא נוסחאות'. נו, עס האט דאך נישט קיין שיעור; אזוי ווי איך האב עס געהערט אסאך יארן פון ר' שמשון'ען, אזוי דערצייל איך עס איבער. אז עס איז דא נוסחאות - וויים איך נישט.**

**רבי אברהם ר' נחמן'ס האט קיינמאל די מעשה נישט דערציילט, פארוואס? ביי אים איז געווען אזוי - ווער עס האט אים געקענט, א זאך וואס עס איז אים נישט געווען מבורר בתכלית האט ער נישט גערעדט!**

**רבי אברהם פלעגט אריינגיין צו ר' שמשון'ען אמאל – אבער ער האט עס קיינמאל נישט דערציילט!** (ר' נחמן: דאס הייסט ער פלעגט אויסהערן די מעשה?) **ער איז געזעצן אזוי אנגעבויגן!** (ר' נחמן: שביעי של פסח – צוזאמען מיט אונזערע לייט?) **יא, ער איז אריינגעגאנגען צו ר' שמשון'ען, ר' שמשון האט דערציילט דעם סיפור, און ער האט אזוי אויסגעהערט.**

---

[ג] עיין טעם זקנים קונטרס קי"ג.

נאכדעם האב איך אים א פרעג געגעבן אמאל, האט ער געזאגט: 'עס איז דא נוסחאות!' - ער האט אים נישט איבערגעשפארט.

❖

## צוריק קיין איסטאנבול...

(ר' נחמן: מען פלעגט זיך נישט וואשן צו א סעודה?) **ניין, מען האט זיך נישט געוואשן! דארטן איז געווען אַן ארעמקייט!**

(ר' נחמן: ווען דער בעל שם איז צוריקגעקומען האט ער געהייסן מען זאל מאכן א סעודה?) ער האט גארנישט געזאגט; נאר וואס דען, דער בעל שם איז געווען אין א סכנה פון די רוצחים - די איידמאקעס, מאכט מען א שבח והודיה און מען טרינקט לחיים און מען דערציילט דעם סיפור. 'מעצמן' - פון זיך אליין, אז א צדיק איז געווארן געראטעוועט, ער איז געווען אין א סכנה, 'כפסע בינו לבין המות', איין רגע און זיי האבן אים שוין געוואלט אוים'שחט'ן - -

די סכנה (- עם השודדים) איז געווען אינמיטן חול המועד, און צוריק געקומען קיין איסטאנבול איז ער שביעי של פסח פארנאכט - דער בין השמשות צו אחרון של פסח. דאס הייסט, נעכטן פארנאכט איז ער געקומען צוריק קיין איסטאנבול [- היינט איז דאך אחרון של פסח (- ובארץ ישראל - אסרו חג)]. ער האט געמיינט אז ער פארט קיין ארץ ישראל.

❖

(ר' נחמן: ווער האט געפירט דאס שיפל?) דער קוטשער וואס ער איז געקומען מיט דער קארעטע און די רוצחים זענען אנטלאפן - אט דער קוטשער איז געווארן דער קאפיטאן, ער איז אריין אין דעם שיף און געפירט דעם שיף.

די שיף גייט - האבן זיי געמיינט אז זיי פארן קיין ארץ ישראל, אז די שיף האט זיך אפגעשטעלט - האבן זיי געזעהן אז זיי זענען צוריק אין איסטאנבול.

(השואל: דער בעל שם אליין האט אויך נישט געוואוסט וואו די שיף גייט?) ניין, קיינער האט נישט געוואוסט, זיי האבן אלע געמיינט אז מען פארט קיין ארץ ישראל, 'מען גיט א קוק - מען איז צוריק אין איסטאנבול'...

❖

זיי זענען געווארן געראטעוועט חול המועד, אבער די (סעודה) מאכט מען דעמאלט בשעת זיי זענען צוריק געקומען אינגאנצן.

דארטן (באומאן) פלעגט מען דאס דערציילן אחרון של פסח פארנאכט. דאס וואס מען דערציילט דאס 'אחרון של פסח' איז אויך ווייל אחרון של פסח קען מען שוין מאכן א שטיקל 'מזונות' - דערפאר נעמט מען זיך צונויף דעמאלט. אבער אז מיר זענען דאך אין ארץ ישראל דערציילט מען עס אזוי ווי עס איז.

❖

## "מיר ווילן הערן פון אייך!"

(ר' נחמן: ביי רבי נתן'ען האט מען זיך אויך אזוי געפירט - מען פלעגט דערציילן דעם סיפור?) יא, מען האט עס דערציילט, עס וויזט אוים אז עס גייט אזוי מדור לדור, איך קען נישט זאגן זיכער, נאר א זאך אז עס גייט אזוי, איז עס געגאנגען מדור לדור, מען האט דערציילט דעם סיפור!

(ר' נחמן: מען האט מדייק געווען די זאך וואס מען זאל דערציילן?) יא, מען האט מדייק געווען!

עס איז איינער געווען ר' אייזיק, ער איז געווען דער בעל שחרית אין סקווער, ער איז פאר עטליכע יאר צוריק נפטר געווארן, זיין טאטע איז געווען פון די אלטע

סקווערער חסידים וואס ער האט זיך גערעכנט אזוי ווי א שטיקעלע מתנגד, אבער אין רוסלאנד אין טאשקענט איז דער ר' אייזיק געווארן אזוי צוגעצויגן צו אונזער זאך, האט ער מיר גערופן אחרון של פסח פארנאכט - ער האט זיך אויך גערעכנט פון דער גזע פונעם בעל שם, האט ער געמאכט א שיינע סעודה, האט ער נאר געוואלט אז איך זאל דערציילן דעם סיפור. זאג איך אים: "איך? ווער דערציילט ביי אייך אלע יאר?".

(ענה לי:) "ניין, מיר ווילן הערן פון אייך, ווייל מיר רעכענען אז ביי אייך וועט מען דערציילן די זאך ריכטיגער!"... - ער האט נאר געוואלט אז איך זאל דערציילן.

דער ר' אייזיק האט אין בני ברק א זון 'משה', און דער משה האט קינדער דארט אין בני ברק, פלעגט ער קומען צו די קינדער אין בני ברק. איז ער געקומען עקסטער צו גיין צו מיין איידעם (- ר' מרדכי לאסקער) זיך זעהן מיט מיר, ער איז געווען ביי זיי דער בעל שחרית, און ער איז געווען אזוי צוגעצויגן צו מיר - הערן א דיבור.

❖

ברוך השם, דער רבי איז געווען אין ארץ ישראל, איז דא ברוך השם א שיינער קיבוץ אין ארץ ישראל![יד] דער עיקר דעם רבי'נס זאך איז היינט אין ארץ ישראל! אין אמעריקע איז אויך עפעס דא, אבער דער עיקר רבי'נס זאך איז אין ארץ ישראל - ברוך השם![טו]

---

[יד] עיין ימי מוהרנ"ת חלק שני אות ב': **גַּם פַּעַם אַחַת כְּשֶׁסִּפֵּר מֵעֹצֶם הַמְּנִיעוֹת וְהַסַּכָּנוֹת שֶׁהָיוּ עָלָיו בִּסְטַאנְבּוּל, וְאֵיךְ שֶׁהָיָה בְּסַכָּנָה גְּדוֹלָה קֹדֶם שֶׁבָּא לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְכוּ' וְכוּ', אָז עָנָה וְאָמַר לָנוּ שֶׁאֲנַחְנוּ נוּכַל לָבוֹא לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בְּנָקֵל כְּאוֹמֵר, שֶׁעָלֵינוּ לֹא יִתְגַּבְּרוּ מְנִיעוֹת וְסַכָּנוֹת כָּאֵלֶּה כְּמוֹ שֶׁהָיוּ עָלָיו, וְאִם נִרְצֶה נוּכַל לָבוֹא לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** וְאֵלּוּ הַדִּבּוּרִים תְּחוּבִים בְּלִבִּי מֵאָז וְעַד הֵנָּה וְהֵמָּה הָיוּ בְּעֶזְרִי לְחַזֵּק חִשְׁקִי לִנְסֹעַ לִנְסֹעַ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. גם עיין ליקוטי תפילות תפילה כ' 'ובזכות וכח הצדיקי אמת' וכו'.

[טו] עיין חיי מוהר"ן קנ"ו: **אָמַר, הַמָּקוֹם שֶׁלִּי הוּא רַק אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; מַה שֶּׁאֲנִי נוֹסֵעַ אֲנִי נוֹסֵעַ רַק לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וּלְפִי שָׁעָה אֲנִי רוֹעֶה בִּבְּרֶסְלַב וְכַיּוֹצֵא!**

דער רבי איז געווען אין ארץ ישראל, איז דא א קיבוץ אין ארץ ישראל! (ר' נחמן: צדיקים ירשו ארץ!) יא!

רבי אברהם ר' נחמן'ס האט א גרויסן חלק אין דעם ארץ ישראל, ער האט געמאכט דא אז ר' [שמואל] מאיר אנשין זאל שוין קומען אהערצו דא, און ר' גדלי' בערגער.

(ר' נחמן: אלע בארדיטשובער) ר' יענקל פילמער - שניידער, און ר' שמשון (איסרוב). (אחד הנוכחים: און ר' שמואל העשיל פרידמאן פון יפו - ר' מאיר אנשין'ס א חבר!) כמעט די גאנצע זאך איז נאר געוועזן פון רבי אברהם ר' נחמן'ס!

❖

(ר' נחמן: פאר די וועלט קען מען נישט דערציילן אזא מין זאך אז ער האט איר געוואלט אריינווארפן אין ים?) דאס אליין, בשעת איך דערצייל עס, דערצייל איך עס אויך אז עס איז דא גרסאות - 'א טייל זאגן'.

נישט דער דגל איז געווען אין ארץ ישראל און נישט דער רבי ר' ברוך'ל איז געווען אין ארץ ישראל. (השואל: זיי האבן אויך געוואלט פארן?) זיי זענען נישט געווען אין ארץ ישראל, איך וויים נישט צו זיי האבן געוואלט צו נישט, מסתמא האבן זיי געוואלט. און דער רבי איז געווען אין ארץ ישראל!

(השואל: ווי האט זי געזאגט דאס לשון - עס וועט ארויסקומען פון מיר אַן "איייניקל" צו א "קינד"?) א 'קינד'!

❖

## אז מען פאלגט אים נישט, וואס פארט מען צו אים?!

אז מען זאל זיך נאר מתבונן זיין אין רבי'נס זאך, זעהט מען דאך א געוואלדיגע זאך, דאס איז נישט אז עס איז דא א ספר 'לקוטי מוהר"ן' (בין שאר ספרי יראה); עס איז

**טאקע דא א ספר 'מאור עיניים', עס איז דא א ספר 'אור המאיר', א ספר 'קדושת לוי', אבער אידן וואס זענען אנגעלייגט אויף דער זאך און מען לעבט מיט דער זאך, עובדי השם - וואו איז דאס דא?! ביי וועמען איז דאס געבליבן?!**

**אידן, יראים ושלמים, יראי חטא, און טוהען אין רבי'נס זאך 'עד הנה', זיי האבן אויך נישט געקענט רבי אברהם ר' נחמן'ס אפילו, און אידן געוואלדיגע יראי חטא, עפּעס א געוואלדיגער כח, ממש א זאך וואס לעבט, עס לעבט! אידן וואס שטייען אויף חצות אלע נאכט, און התבודדות, א געוואלד, א געוואלד!**

די איידעלע מתנגדים וואס זענען נישט אזוי גראב (וואונדערן זיך:) **'וואס איז דאס?' 'וואס איז דאס?!'**

(ר' נחמן: איך האב אמאל געזאגט איינעם, 'דער רבי איז אלט געווען אכט-און-דרייסיג מיט א האלבן יאר!' [- בהסתלקותו]. זאגט ער: "אזא גראבן שקר צו זאגן"... - ער האט נישט געגלויבט. זאג איך אים - 'אזוי איז, ער האט געלעבט די זעלבע יארן פונעם אר"י הקדוש!'. ער האט געמיינט מען רעדט פון אַן אלטער איד פון זיבעציג-אכציג יאר, ער קען נישט גלויבן אזא זאך אז שוין ביי די דרייסיג זאל זיך רעש'ן א וועלט, ער קען נישט גלויבן...)

❖

(מיר דארפן זיך מאכן א חשבון:) **וואס זענען מיר א חילוק פון אנדערע? מען גייט אין דעם חדר און מען ווערט אנגערופן אויף דעם נאמען, מען הייסט א ברסלב'ער - 'וואס זאלן מיר טוהן מערער? וואס זאלן מיר רעדן? מיר ווערן דאך אנגערופן 'על שמו', מיר ווערן אנגערופן אויף זיין נאמען, זאל עס נישט זיין 'בשם המושאל', עס ליגט דאך עפּעס א חוב, אַן אחריות אויף אונז, מער ווי אויף אנדערע!'**

**מען האט נעכטן גערעדט דא, ר' מיכל'ע** (בן ר' יצחק בן מוהרנ"ת) **איז געווען קראנק, דער גאנצער גוף איז אים געווען געשוואלן, האט מען גערופן א דאקטער, האט ער געקלאפּט אין טיש: "אז מען פארט צו א רבי'ן און מען פאלגט אים נישט, פארוואס פארט מען צו אים?!"** ווייל מען האט אריינגערופן א דאקטער...

**דער דאקטער איז גלייך אוועק געגאנגען, אז ער קלאפט אין טיש - - ער איז געווען אזוי געשוואלן, און ער איז דערנאך געזונט געווארן, ער האט נאך עטליכע יאר געלעבט, אבער ער האט גארנישט געטוהן** (קיין רפואות).

**ער פלעגט אזוי זאגן: "וואס דער דאקטאר זאגט אז מען זאל טוהן - דאס דארף מען אים נישט פאלגן; אז ער הייסט 'נישט' טוהן - ער הייסט נישט עסן די זאך, וועל איך נישט עסן די זאך!" - וואס ער הייסט טוהן - דאס נישט!**

(אחד הנוכחים: דער רבי האט דאך געזאגט[טז]: "אזוי ווי מען איז אין פעלד!" -) **מען רעדט דאך אז מען פארלייגט זיך שוין.**

**'וואס ער הייסט נישט טוהן - ער הייסט נישט עסן, וועל איך נישט עסן די זאך, אז ער הייסט יא טוהן - דאס וועל איך אים נישט פאלגן!'**

❖

## אפגעהיט דאס קינד

(השואל: וואס איז געווען עפעס ווען דער רבי איז געווען א קליין קינד און די מאמע איז אוועק און אים איבערגעלאזט ביי א צדיק, האט דער צדיק געזאגט - -) **ביי רבי חיים קראסנער[יז]; האט ער**

---

[טז] עיין שיחות הר"ן אות נ': וְאַל יֹאמַר הָאָדָם שֶׁהוּא חוֹלֶה חַס וְשָׁלוֹם, אוֹ שֶׁיֵּשׁ לוֹ חוֹלֶה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ חַס וְשָׁלוֹם: אִם־כֵּן, עַל מִי אֶסְמֹךְ? כִּי בְּהֶכְרֵחַ לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה עֵסֶק בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע וְאֵיךְ אַנִּיחַ אֶת הַחוֹלֶה וְלֹא אֶשְׁתַּדֵּל בְּהַצָּלָתוֹ?! כִּי בֶּאֱמֶת זֶה שְׁטוּת, כִּי מֵאַחַר שֶׁהַדּוֹקְטוֹר רָחוֹק מֵחַיִּים וְקָרוֹב לְהֵפֶךְ כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, וְסוֹף כָּל סוֹף הוּא צָרִיךְ לִסְמֹךְ רַק עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, טוֹב טוֹב לִסְמֹךְ מִיָּד עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאַל יְסַכֵּן אֶת הַחוֹלֶה בְּיָדַיִם עַל־יְדֵי הַדּוֹקְטוֹר, כִּי עַל־פִּי רֹב הַדּוֹקְטוֹרִים הֵם שְׁלוּחֵי הַמַּלְאָךְ הַמָּוֶת רַחֲמָנָא לִצְלָן. **וְיִדְמֶה בְּעֵינָיו כְּאִלּוּ הוּא יוֹשֵׁב בְּמִדְבָּר אוֹ בְּיַעַר שֶׁבְּהֶכְרֵחַ לִסְמֹךְ עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְבַד מֵאַחַר שֶׁאֵין מַה לַּעֲשׂוֹת,** כְּמוֹ כֵן עַכְשָׁו אַף־עַל־פִּי שֶׁיּוֹשֵׁב בְּמָקוֹם שֶׁיֵּשׁ דּוֹקְטוֹרִים וּרְפוּאוֹת אַף־עַל־פִּי־כֵן מֵאַחַר שֶׁהֵם בְּעַצְמָם מְבֻלְבָּלִים בְּחָכְמָה זוֹ וּשְׁאָר הַחֲשָׁשׁוֹת הַרְבֵּה מְאֹד שֶׁיֵּשׁ בְּעִנְיַן רְפוּאוֹת, אִם־כֵּן קָרוֹב הַדָּבָר שֶׁעַל־יְדֵי הָרְפוּאוֹת וְהַדּוֹקְטוֹר לֹא דַּי שֶׁלֹּא יוֹעִיל אַדְּרַבָּא, יְקַלְקֵל בְּוַדַּאי, וְאִם־כֵּן לָמָּה יַעֲשֶׂה עֵסֶק בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע מַה שֶּׁרָחוֹק מִשָּׂכָר וְקָרוֹב לְהֶפְסֵד!

[יז] מהחבריא קדישא של הבעש"ט. נלב"ע ה' אב שנת תקנ"ג.

געזאגט: **"איך האב זייער אפגעהיט דאס קינד; איר קענט פארשטיין - איך האב נישט אויפגעשטאנען קיין חצות צוליב דעם!".**

ער איז געשלאפן מיטן קינד, ער האט גענומען דאס קינד צו זיך; ווען ער וואלט אויפגעשטאנען חצות וואלט ווען דאס קינד זיך אויפגעוועקט, האט ער זיך נישט געוואלט אויפהויבן – ער זאל נישט אויפוועקן דאס קינד.

ער איז יא אויף געווען חצות, נאר אויפשטיין און זיך אויפהויבן און זיך אנטוהן - דאס האט ער נישט געטוהן אז דאס קינד זאל זיך נישט אויפוועקן - ר' חיים קראסנער!

**"איך האב אים זייער אפגעהיט דאס קינד, איר קענט פארשטיין אז אין די נאכט האב איך נישט אויפגעשטאנען קיין חצות, איך האב נישט געוואלט דאס קינד אויפוועקן!"**

❖

(השואל: דער רבי האט געזעהן דעם "תולדות" אלס קינד?) **איין מאל!**

עס איז געפארן א פיר פון מעזיבוזש קיין פולנאה - א פיר מיט צדיקים, און דער רבי האט זיך אויך געוואלט מיטכאפן און פארן, האבן זיי נישט געוואלט - א קליין קינד - עס קען זיך מיטכאפן א קליין קינד?!

(ר' נחמן: דעם רבי'נס פאטער איז אויך געפארן דעמאלט?) **איך ווייס נישט!**

דער רבי איז געווען אַן עקשן, האט ער זיך אוועקגעשטעלט ביים אייזן וואו מען גייט ארויף דארטן ביי דער בריטשקע (- עגלה קטנה), און האט אוועקגעשטעלט דארטן א פוס - ער וויל נישט אראפגיין. דער פיר האט שוין אנגעהויבן פארן און ער גייט

נישט אראפ. איז געווען א צדיק[יח], האט ער אים אנגענומען און אים ארײנגענומען אין פיר ארײן, האט ער געזעהן דעם 'תולדות'.

דער רבי האט געדאנקט דעם צדיק וואס דער צדיק האט אים אנגעהאלטן וואס דערפאר האט מען אים ארײנגענומען און ער איז שוין מיטגעפארן. האט ער געזעהן דעם תולדות!

(ר' נחמן: ווער איז דאס געווען? מען האט געוואוסט ווער דאס איז געווען?) מען האט דערציילט אין אומאן.

(ר' נחמן: ר' דוד לייקעס?) הער זיך איין, זאגן נעמען האט נישט קיין שיעור - איך ווייס נישט.

❖

## דער פארבריק דארף ווייטער ארבעטן

ברוך השם, וואס אינדרויסן האט זיך געקאכט - אין ברסלב, און אין זלאטיפאליע - געקאכט א פייער, און אינעווייניג האט דער פאבריק געארבעט[יט], עס איז מקורב

---

[יח] עיין טעם זקנים קונטרס ל"ב: האט געגומען איינער פון די תלמידים - דאכט זיך "**רבי חיים קראסנער**" - ער האט אים אנגענומען, ער האט אים ארײנגענומען צו זיך, האט דער רבי דאס מאל געזעהן דעם תולדות!

[יט] עיין חיי מוהר"ן קי"ד: וּמֵאָז וָהָלְאָה נִתְעוֹרֵר הַמַּחֲלֹקֶת הַגָּדוֹל מְאֹד עַד שֶׁכִּמְעַט כָּל הָעִיר כֻּלָּהּ חָלְקוּ עַל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. **וְגֹדֶל עֹצֶם הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁהָיָה עָלָיו שָׁם, וְגֹדֶל הַיִּסּוּרִין שֶׁהָיוּ לוֹ שָׁם, אִי אֶפְשָׁר לְשַׁעֵר וּלְסַפֵּר כִּי יָשַׁב שָׁם כְּמוֹ עַל קוֹצִים מַמָּשׁ ... וְיָשַׁב שָׁם שְׁתֵּי שָׁנִים רְצוּפִים וְקֵרַב שָׁם הַרְבֵּה אֲנָשִׁים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**. גם עיין שם אות קט"ו: וּפֹה בְּרֶסְלַב יָשַׁב בְּשַׁלְוָה מִבְּנֵי הָעִיר כָּל יָמָיו, אֲבָל בָּעוֹלָם הָיָה הַמַּחֲלֹקֶת הוֹלֵךְ וּמִתְגַּבֵּר **וְכָל מַה שֶּׁקֵּרֵב יוֹתֵר אֲנָשִׁים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הִתְגַּבֵּר הַמַּחֲלֹקֶת יוֹתֵר. אֲבָל הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עָשָׂה אֶת שֶׁלּוֹ, וְעָלָה בְּכָל יוֹם וּבְכָל שָׁעָה וּבְכָל רֶגַע לְמַעֲלוֹת גְּבוֹהוֹת וְרָמוֹת אֲשֶׁר אֵין לְשַׁעֵר כְּלָל**. וְלוּלֵא שֶׁהִתְגַּבֵּר הַקִּטְרוּג עַל הָעוֹלָם עַד שֶׁלֹּא הָיָה הָעוֹלָם כְּדַאי לִינֹק מֵאוֹר כָּזֶה וְעָמַד וּגְנָזוֹ, הָיָה נִתְגַּלֶּה גְּדֻלָּתוֹ בָּעוֹלָם וְהָיָה מַחֲזִיר כָּל הָעוֹלָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ. כִּי זֶה הָיָה כָּל מְגַמָּתוֹ תָּמִיד כָּל יְמֵי חַיָּיו, וּבָזֶה עָסַק תָּמִיד לְזַכּוֹת הָרַבִּים וּלְהוֹצִיאָם מֵחשֶׁךְ לָאוֹר, מֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל.

געווארן נייע מענטשן אין זלאטיפאליע, און אין ברסלב, און אינדרויסן האט זיך געקאכט א פייער!

אזוי דארף איצטער אויך זיין, וואס מער עס קאכט זיך אינדרויסן דארף אינעווייניג ארבעטן נאך שענער דער פאבריק, און וואס אינעווייניג וועט מער ארבעטן, וועט אינדרויסן מער קאכן.

דעם רבי'נס זאך איז אים (- היצר הרע) א ביין אין האלז; דאס אז מיר זאלן היטן און גיין מיט די עצות און זיך רייסן דערצו - דאס איז אים א ביין אין האלז. דער רבי זאגט אין תורה "תקעו תוכחה"[כ]: עס איז אים א ביין אין האלז, און ער וועט געבן הקאות אויף דעם! - ער וועט אלעם אוים מקיא'נען!

דארף מען האבן אמאל עפעס א רעכטן ישוב הדעת אין דעם רבי'נס זאך - 'געוואלד, געוואלד, פארוואס זאל איך זיין אזא שלימזל'ניק? איך שטיי דאך ביי אזא מין 'פלטין אמת', ביי אזא מין צדיק אמת, אזא מין רחמן, פארוואס ריר איך זיך נישט צו? פארוואס גיי איך נישט צו אזוי ווי מען דארף? איך שטיי אזוי פון דערווייטנס - פארוואס? פארוואס? ווער לאזט מיר נישט?! אלעס איז היינט דא, ספרים איז דא וויפיל מען וויל, גרויסע און קליינע - אלעס איז דא, פארוואס זאל איך נישט צוגיין אזוי ווי מען דארף? פארוואס זאל איך זיין אזוי?! איי איי, אזא מין בושה וועט דאך זיין אמאל... דאנקען גאט וואס מען איז - עס איז כדאי אלעס, אבער עס וועט דאך זיין א געוואלדיגע בושה, מען וועט דאך זעהן די חברים - זיי זענען צוגעגאנגען, זיי זענען אזוי נאנט, פארוואס בין איך געשטאנען אזוי, פארוואס?![כא]

---

[כ] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ח'.

[כא] עיין חיי מוהר"ן אות שנ"ד: עָנָה וְאָמַר עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם, עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים, וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי. **כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ שֶׁיִּהְיֶה עֵת בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה.**

מען קען זאגן, דער רבי איז ביי אונז אויך א סוד, ער איז ביי אונז אויך א סוד![כב]; אז מיר זאלן וויסן די כוחות פונעם רבי'ן און מיר זאלן ווען גלויבן, וואלטן מיר אנדערש צוגעגאנגען דערצו, מיר וואלטן זיך אנדערש אוועק געלייגט (דערויף), מען וואלט אנדערש געהיט די נאכט, אנדערש אפגעהיט דעם מויל מיט אלעם, עס וואלט גאר אנדערש געווען...

עס קען דאך נישט זיין אין דער וועלט אז מען זאל זיין אזוי; 'וואס?' אידן זענען דאך געווען אזוי - א דאווענען איז געווען א דאווענען, א בענטשן איז געווען א בענטשן, א נאכט איז געווען א נאכט, א טאג איז געווען א טאג, אויף וועןווארט מען?! אויף ווען ווארט מען?!

"ואם לא עכשיו - אימתי?!" וואס טראכט מען - אז מארגן וועט זיין גרינגער ווי היינט? אז מען זאגט דעם ווארט "מארגן!" גייט עס ביז הונדערט יאר "מארגן!" - מארגן און מארגן (וכו'). דער מארגן איז דאך נישט דער פשט נאר מארגן, ווייל אז איך זאג 'עכשיו' - איז איצטער, אבער טאמער וויל איך זאגן מארגן - מארגן האט נישט קיין שיעור, יעדן טאג איז דא א מארגן, 'מארגן יא - היינט נישט', איך דארף זאגן 'נאר היינט!' נאר היינט, נאר היינט!

מיר טארן נישט זאגן קיין מארגן; א מלאך אז ער זאגט מארגן, ווייסט ער אז מארגן וועט עס זיין, אבער מיר ווייסן דאך נישט, מיר ווייסן דען וואס מארגן וועט זיך טוהן? ווי קענען מיר זאגן מארגן? ווי מעגן מיר זאגן מארגן?! דעם דיבור אליין דארף מען

---

[כב] עי' חיי מוהר"ן אות פ"ג, אות רמ"ו, אות תקע"ט, וז"ל בספר חיי מוהר"ן כת"י מוהר"ר נפתלי זצ"ל בהקדמה: "והוכפל והושלש הדבר, שכל המבואר כאן אינו אפילו כטיפה מן הים הגדול משבחיו הגדולים והנוראים, כי שבחיו באמת נעלם מעין כל חי, כי היה סתום ונעלם בתכלית, והצדיק מתדמה ליוצרו וכו', על כן רשות לומר עליו מה שאמר אליהו להש"י 'לית דידע בך כלל', וכל מה שזכינו לידע ולהשיג קצת קצת מגדולתו ומשבחיו ומעוצם הפלגת יקרת קדושת מעלתו, הוא רק בבחינת מטי ולא מטי וכו', והכריח עצמו בכל מיני כחות לגלות את עצמו קצת בעולם, למען יוכלו בני ישראל לינוק קצת ממנו, למען לא יהי' האור נעלם לגמרי וכו'".

זיך גוט איינ'חזר'ן[כג]: "היום!" 'היום!' כאפ אריין וואס דו קענסט דעם טאג! לייג אריין אין דעם טאג וואס מער, נאך תורה, נאך תפילה, נאך צדקה, זאג נישט מארגן[כד].

מען זינגט דאך אין די זמירות ('ברוך קל עליון' - בצפרא דשבתא): "וְאִם יֵצֵא חוֹבַת הַיּוֹם - אַשְׁרֵי לוֹ!" - "אשרי לו" "אשרי לו" - עטליכע מאל דעם 'אשרי לו', אוי אוי... [- 41:50]

❖

(ר' נחמן: איר זינגט טאקע דעם 'ברוך קל עליון' מיט אַן אנדערן ניגון, איר זינגט עטליכע מאל דעם "אשרי לו", קיינער זינגט נישט דעם ניגון וואס איר זינגט, מען קען עס נישט, איך האב עס געהערט פון אייך איינמאל צו צוויי מאל!) נו, דו האסט דאך א טייפ - דו האסט דאך שוין אסאך אין טייפ - ניין?!

(ר' נחמן: דעם ניגון האט איר געהערט ביי אייער שווער?) דעם ניגון האט מען געזונגען אין אומאן, אוודאי, וואס דען, 'ברוך קל עליון'.

(ר' נחמן: און דער ניגון וואס 'מיר' זינגען אויף 'ברוך קל עליון'? [- 43:20]) יא דאס איז א ניגון אונזערער, אבער נישט אויף 'ברוך קל עליון'.

(ר' נחמן: אָן ווערטער האט איר אים געהערט אין אומאן?) יא יא, אָן ווערטער!

(ר' נחמן: און "יום זה מכובד"?) דער ניגון פון "צור משלו אכלנו" (- ר' נחמן מנגנו [- 44:00])

(ר' נחמן: אה, עס גייט ביי אייך איין המשך?) יא יא, איין המשך, איין קנאק.

❖

---

[כג] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ער"ב.

[כד] עיין ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ד, אות י': כִּי צָרִיךְ הָאָדָם לִזָּהֵר מְאֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם לָצֵאת חוֹבַת הַיּוֹם בְּכָל מַה דְּאֶפְשָׁר כִּי צָרִיךְ לֵידַע שֶׁכָּל יָמָיו מְנוּיִים וּסְפוּרִים וְיִצְטָרֵךְ לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן מִכָּל יוֹם וּמִכָּל שָׁעָה וְאֵין לוֹ בְּעוֹלָמוֹ כִּי אִם אוֹתוֹ הַיּוֹם, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת מִצְוַת סְפִירָה כַּנַּ"ל.

## איי, די 'הערצער' מיט די 'קולות'...

ווען איך בין געקומען קיין אומאן האב איך געהערט ווי דער חזן ר' אברהם (שטערנהארץ) גיט א געשריי דעם "לדוד מזמור" ראש השנה ביינאכט, און דער גאנצער עולם האט געזאגט דעם גאנצן "לדוד מזמור", מען האט זיך נישט אפגעשטעלט אינדערמיט.

(ר' נחמן: אה, מען האט נישט געזאגט פסוק ביי פסוק?) ניין, עס איז געווען א געוואלדיגע התעוררות.

(ר' נחמן: ביז "שאו שערים"?) אינגאנצן געענדיגט; און דער חזן האט אנגעהויבן "שאו שערים ראשיכם". און דאס אייגענע איז געווען ביי "שיר המעלות ממעמקים".

(פונה לר' ישראל קארסינסקי[כה]:) דו געדענקסט דאך - ישראל, אין אומאן האט מען זיך אפגעשטעלט אינדערמיט? האט מען געזאגט פסוק-ווייז? (עונה: מען פלעגט זאגן אינגאנצן מיט איינמאל!) דער גאנצער עולם - נחמן, אַן אנדערע התעוררות איז געווען...

(ר' נחמן: איז פארוואס האט איר דא משנה געווען?) איך בין געקומען אהערצו מאכן דא נייע זאכענישן?! אז דא איז אזוי איינגעפירט אז מען זאגט פסוק-ווייז זאל איך מאכן אנדערש?!

אזא מין התעוררות איז געווען, עס איז געווען א מין תשוקה צום אויבערשטן, מען האט נישט איבערגעהאקט אינדערמיט! ביי אייך האקט זיך אפ דאס חיות.

דער "לדוד מזמור" איז געגאנגען קולי קולות, מען האט נישט איבערגעהאקט אינדערמיט, ביז עס איז געווארן שטיל – הָא האט געדויערט! און דער "שיר המעלות ממעמקים" - וואס עס האט זיך געטוהן ביי "ממעמקים", די בכיות מיט די צעקות

---

[כה] מאלו שחידשו את המנין בראש השנה באומן אחרי המלחמה. עלה לא"י בשנת תשל"ג. ונפטר י"א אדר א' תשמ"ו.

וואס עס איז געווען, מען האט נישט איבערגעהאקט אינדערמיט, דאס איז דאך א געוואלדיגע זאך.

(אחד הנוכחים: אויך ביי הלל אין טעפליק?) אה, איך בין אנגעקומען קיין טעפליק, איז געווען (דער מנהג) פון "ר' מרדכי'לע דיין" - 'הלל' האט מען נישט אפגעהאקט אינדערמיט, מען האט געזאגט גאנץ 'הלל' ביז פאר "הודו".

(ר' נחמן: וואס הייסט, מען האט נישט אויסגעלאזט די אלע פסוקים?) ניין, ביז "הללו את ה' כל גוים". הודו דארף מען דאך ענטפערן. (אחד הנוכחים: "אנא ה' הושיעה נא" - יא?) דאס יא!

מען האט געזאגט אז ר' מרדכי'לע דיין האט דאס איינגעפירט אין טעפליק אז מען זאל זיך נישט אפשטעלן אינדערמיט. אין אומאן האט מען זיך יא אפגעשטעלט.

אין אומאן געדענק איך נאר דעם "לדוד מזמור" און "שיר המעלות ממעמקים" (האט מען געזאגט אין איין צי). וואס זאל איך דיר זאגן? וואספארא התעוררות עס איז געווען ביי דיביידע קאפיטלעך, איך קען דיר נישט זאגן, עס איז געגאנגען מיט קולי קולות, מיט בכיות, דא האקט זיך עס דאך איבער אינדערמיט.

א מענטש וואס שרייט "נקי כפים ובר לבב", ער שרייט און וויינט, האקט מען אים איבער אינדערמיט מיט חזנות...

נו, איך בין געקומען אהערצו דא - איך זאל אויפטוהן נייעס?

ר' אברהם (שטערנהארץ) פלעגט אנהויבן (- ביים אויסלאזן): "שאו שערים ראשיכם", און אינדערפרי האט ער אנגעהויבן (- ביים אויסלאזן): "קויתי ה' קותה נפשי" - און געענדיגט.

עס איז געווען - אַה, עס איז געגאנגען קולות, די קולות וואס עס איז געגאנגען ביי דעם "שיר המעלות ממעמקים" - אוי אוי! די הערצער, די הערצער, אה! ביז

**עס איז געווארן שטיל האט געדויערט! מען האט זיך געקענט גוט אויסווייגען פארן אויבערשטן ביי דער שיר המעלות ממעמקים!**

הײנט לאזט מען נישט, ביי יעדן פסוק האקט מען איבער, עס האקט זיך איבער דאס חיות.

(ר' נחמן: ווער האט געדאווענט מעריב תש"י?) מעריב האט געדאווענט ר' דוד (שטעפער). איך בין אנגעקומען תש"ט; תש"י איז געווען דער ערשטער ראש השנה מיינער דא, ר' דוד איז געווען שלאַף אויף די פיס, ער איז נישט געקומען אינגאנצן, ער איז געלעגן אין בעט.

(ר' נחמן: האט איר געדאווענט דעמאלט מוסף!) יא, אבער מעריב האט געדאווענט דאכט זיך מיר יענקל כהן (בארזעסקי), ער איז געווען דער בעל שחרית - דאכט זיך, האט ער געדאווענט מעריב.

(ר' נחמן: ר' אברהם אז ער איז געקומען דא אהער האט ער אויך אזוי געדאווענט פסוק ביי פסוק)

(השואל: פון וואנעט איז דער נוסח פסוק ביי פסוק?) א היגער מנהג.

## "וְגַם תְּקַבֵּל הַשִּׁיר שֶׁנִּתְחַדֵּשׁ עַתָּה"

אז שבת איז יום כיפור, האט מען אנגעהויבן "מזמור שיר ליום השבת", מען האט נישט מקבל שבת געווען (מיט "מזמור לדוד" ו"לכה דודי") - עס שטייט אזוי אין שלחן ערוך אז מען איז נישט מקבל שבת.

(ר' נחמן: מען זאגט נישט "מזמור לדוד הבו לה' בני אלים"?) ניין, מען ענדיגט דעם "שהחיינו", הויבט מען אָן "מזמור שיר ליום השבת" - קוק אריין אין שלחן ערוך וועסטו זעהן. (השואל: נאר יום כיפור?) נאר יום כיפור! אלע ימים טובים יא.

**דעם ערשטן יום כיפור האב איך געוואלט אזוי טוהן דא** (בשנת תש"י)**, זאגט מען מיר: "הויב נישט אָן, מען וועט דיר ווארפן האנטוכער אין קאפ אריין!"...**

**הויב נישט אָן, דא זאגט מען "מזמור לדוד" - אין ירושלים איז דאך א תקיפות אזא...**

(ר' נחמן: שבת חול המועד זאגט איר "כגוונא"?) **ניין, ניין!** (ר' נחמן: מען האט נישט געזאגט?) **ניין, מען זאגט דאך "וכל דינין מתעברין מינה" - א גאנץ חול המועד איז דאך נישטא קיין דינים.**

(ר' נחמן: וואס איז מיט זמירות [שבת חוה"מ]?) **זמירות זאגט מען נאר "אשת חיל" און "אזמר בשבחין".**

(ר' נחמן: "שלום עליכם"?) **ניין.** (ר' נחמן: "שלום עליכם" אויך נישט? מען זאגט נישט ביז "תמים דרכו"?) **ווער זאגט עס?!**

(השואל: און אינדערפרי?) **אינדערפרי זאגט מען "אסדר לסעודתא".** (ר' נחמן: די זמירות פונעם אר"י הקדוש זאגט מען אלעס?) **יא, נאר די זמירות פונעם אר"י הקדוש.** (ר' נחמן: די איבעריגע זמירות נישט?) **ניין!**

**זינגט מען ביים טיש "אתה בחרתנו מכל העמים", עס איז ארויס א נייער ניגון.** (ר' נחמן: עס געפעלט אייך דער ניגון?) **יא, יא, פיין, מען האט נעכטן פיין געטאנצט!**

(ר' נחמן: אין א מכתב פון רבי נתן'ען נאך שבועות שרייבט ער צו ר' יצחק'ן: "דו זאלסט מקבל זיין הניגון החדש שנתחדש עתה ביום טוב!") **יא**[כ].

---

[כ] עיין עלים לתרופה במכתב מים א' בהעלותך תקצ"ח: **וְגַם תְּקַבֵּל הַשִּׁיר שֶׁנִּתְחַדֵּשׁ עַתָּה בְּיוֹם טוֹב קָדוֹשׁ לְנַגֵּן, הִנֵּה מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים שֶׁבֶת אַחִים גַּם יַחַד. וְהוּא אֶצְלִי נִפְלְאוֹת חֲסָדָיו יִתְבָּרַךְ. וּתְהִלָּה לָאֵל גַּם זֶה נִכְלָל בְּתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה כַּאֲשֶׁר תִּשְׁמַע מִמּוֹסֵר כְּתָב זֶה, וַאֲנִי מְחַיֶּה אֶת עַצְמִי מְאֹד בָּזֶה. הִנֵּה מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים וְכוּ'.**

(ר׳ נחמן: ווייזט אוים אז עס איז דער ניגון ״הנה מה טוב ומה נעים״, ווייל באלד נאכדעם דערמאנט ער דעם פסוק ״הנה מה טוב״ און פאר דעם דערמאנט ער אויך עטליכע מאל דעם פסוק!)

**פון וואנעט איז דער ניגון?** (- שנתחדש ע״י ר׳ נחמן בורשטיין על המילים ״אתה בחרתנו״).

(ר׳ נחמן: איך האב דעם ניגון געהערט פון ר׳ אברהם יעקב׳ן [גאלדריך], ר׳ אברהם יעקב האט אים מקבל געווען פון ר׳ משה בער [ראזענפלעד]. ר׳ משה בער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל – ער איז דאך געווען א שכן, ער האט דאך געוואוינט אין אלט-שטאט בשכנות א שטיקל צייט. איך האב מיין טאטן געפרעגט וואו האט ער מקבל געווען פון ר׳ משה בער׳ן? זאגט ער, זיי זענען געווען שכנים אין אלט-שטאָט אונטער ניסן בק׳ס שול, עס איז געזעצן ר׳ הערש לייב [ליפל] און נאך פון אונזערע לייט, איז ער געווען א שכן, פלעגט ער אריינגיין צו אים, האט ער אים אויסגעלערנט דעם ניגון, האב איך עס אריינגעפאסט אויף ׳אתה בחרתנו׳) **גאנץ פיין.**

(השואל: וואס האט מען געזונגען אין אומאן אויף אתה בחרתנו?) **דער ניגון וואס מען זינגט אויף ״ברוך הוא אלוקינו שבראנו לכבודו״ האט מען געזונגען אויף ״אתה בחרתנו״** (- רלוי״צ מנגנו [- 52:55]).

(מנגנים ניגון של ר׳ שמעלקע בן חרגו של מוהרנ״ת [- 55:40]).

❖

## זיך געזעגנט מיט א ליד

(מנגנים ניגון מארש [- 48:50]) **איינער א ״דוד קלעזמער״ איז געווען, ער פלעגט דאווענען ביי אונז** (ר׳ נחמן: ער איז נישט געווען קיין ברסלב׳ער?) **ער פלעגט דאווענען ביי אונז, ביי אונז אז מען איז אריינגעגאנגען דאווענען האט מען געהייסן א ברסלב׳ער חסיד - אז מען איז נאר אריינגעגאנגען דאווענען... ער איז געווען א וואוילער אידל, א וואוילער קלעזמער.**

**עס איז געווען א ראש השנה, האט ער געזאגט ער וויל אונז אויסלערנען א ניגון און זיך געזעגענען מיט דעם, ער איז אריינגעקומען מוצאי ראש השנה אויף דער נאכט נאך הבדלה און ער האט געשפילט מיט א פידל - א שיינער שפילער געווען,**

ארומגעגאנגען ארום דער בימה, ער האט אנגעהויבן זינגען דעם ניגון, געזונגען עטליכע מאל.

(ר' נחמן: מוצאי ראש השנה פלעגט מען טאנצן אין אומאן?) יא, מען האט זיך געזעגנט נאך מעריב.

(השואל: ער האט דעמאלט ארויסגעגעבן דעם ניגון?) ער האט געזאגט אז ער איז געווען עפעס אויף א חסיד'ישע חתונה, האט מען געזונגען דעם ניגון, האט ער עס איבערגענומען, און ער זעהט אז עס איז א חסיד'ישער ניגון.

(השואל: איר האט אים געקענט?) יא, אין מיינע צייטן איז עס געווען, ר' דוד קלעזמער.

(השואל: איר געדענקט ווי ער האט דאס אויסגעלערנט?) יא, ער האט דאס עטליכע מאל געשפילט, נאכדעם האט מען זיך עס אויסגעלערנט, איז עס שוין געגאנגען.

(חוזרים על כמה ניגונים הידועים בין אנ"ש / ר' לוי יצחק מתאים את הניגון הידוע ל"יחדשהו")

❖ ❖ ❖

## וואס הייסט ציצית? היטן די אויגן!

(לומד בליקוטי מוהר"ן סי' ז', אות ד':) זאגט דער רבי: "וְדַע, שֶׁעַל יְדֵי מִצְוַת צִיצִית הָאָדָם נִצּוֹל מֵעֲצַת הַנָּחָשׁ, מִנִּשּׂוּאִין שֶׁל רָשָׁע, מִבְּחִינַת נִאוּף, כִּי צִיצִית שְׁמִירָה לְנִאוּף, כַּמּוּבָא בַּתִּקּוּנִים (תיקון י"ח) 'וַיִּקַּח שֵׁם וָיֶפֶת אֶת הַשִּׂמְלָה וַיָּשִׂימוּ עַל שְׁכֶם שְׁנֵיהֶם' - זֶה בְּחִינַת צִיצִית. 'שמלה' מיינט מען 'ציצית'. 'וְעֶרְוַת אֲבִיהֶם לֹא רָאוּ' כִּי צִיצִית מְכַסָּה עַל עֶרְיָין"; ווייל זיי האבן גענומען דער שמלה, די ציצית, זענען זיי ניצול געווארן. "אבער חָם, דְּהוּא יֵצֶר הָרָע, דִּמְחַמֵּם גּוּפֵהּ דְּבַר נָשׁ בַּעֲבֵרָה - ער איז 'ארור', אזוי ווי עס שטייט: 'אָרוּר כְּנָעַן', אזוי ווי עס שטייט: 'אָרוּר אַתָּה מִכָּל הַבְּהֵמָה'".

ווער האט געראטעוועט שם ויפת? "וְהַשִּׂמְלָה הַיְנוּ צִיצִית, הוּא שְׁמִירָה מֵעֲצַת הַנָּחָשׁ, מִזֻּהֲמַת הַנָּחָשׁ".

יעדע זאך, א מענטש אז עס קומט אים אמאל עפעס א געדאנק, איז דא אַן עצה, דער רבי זאגט אז די שמלה האט זיי געראטעוועט פון דער עצת הנחש. דער עצת הנחש האט זיי אויך אנגערעדט – שם ויפת, זיי האבן אבער גענומען די ציצית אויף זיך, האט עס זיי מציל געווען, זיי זענען ניצול געווארן פון דעם עצת הנחש, זיי האבן גענומען דער שמלה. און 'חם' האט נישט גענומען קיין ציצית, איז טאקע רחמנא ליצלן.

טאקע דער ערשטער בגד של מצוה, זאגט רבי נתן אין א הלכה[כז], איז ציצית. א בגד של מצוה איז ציצית. דער בגד של מצוה דארף קיינמאל נישט אראפגיין פונעם מענטשן, סיי בשעת ער איז וואכעדיג, און אפילו בשעת'ן שלאף, דאס איז א בגד, א שמירה וואס היט! ער ווערט ניצול פון עצת הנחש! דער עצת הנחש איז תמיד דא מיט זיינע עצות, און מען דארף האבן דעם בגד לשמירה.

"וְזֶה בְּחִינַת (שם מ"ט): 'בֵּן פֹּרָת עֲלֵי עָיִן'". זאגט דער רבי, 'עין' מיינט מען ציצית - ציצית איז טייטש קוקן. "בִּשְׁבִיל צִיצִית, לְשׁוֹן (שיר השירים ב): 'מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים', האט ער זוכה געווען לְבֵן פֹּרָת, שֶׁנִּשְׁמַר מִנִּשּׂוּאִין שֶׁל נָחָשׁ, מִזִּוּוּג שֶׁל הַסִּטְרָא אָחֳרָא, וְזָכָה לְזִוּוּגָא דִּקְדֻשָּׁה. וְזֶה: 'פֹּרָת', לְשׁוֹן זִוּוּג, לְשׁוֹן: 'פְּרוּ וּרְבוּ'". דורכן אויג וואס דאס איז ציצית, וואס ציצית איז א לשון קוקן, האט ער זוכה געווען צו 'בן פורת'. קומט אויס אז ציצית מיינט מען גאר שמירת עינים - וועט דער רבי זאגן באלד.

"וְעִקַּר הַנִּאוּף", זאגט דער רבי, "תָּלוּי בָּעֵינַיִם, אזוי ווי עס שטייט: 'שִׁמְשׁוֹן הָלַךְ אַחַר עֵינָיו', אזוי ווי עס שטייט: 'וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם'.

---

[כז] הל' ציצית ה"ג, אות א': וְעַל כֵּן הַתְחָלַת הָעֲבֹדָה בְּכָל יוֹם הִיא מַתְחֶלֶת מִמִּצְוַת צִיצִית שֶׁמְּקַיְּמִים מִיַּד בְּקוּמוֹ בַּבֹּקֶר, וְכֵן תְּחִלַּת חִנּוּךְ הַקָּטָן מַתְחִיל מִצִּיצִית, כִּי תֵּכֶף מְחַנְּכִין הַקָּטָן בְּמִצְוַת צִיצִית קֹדֶם לִשְׁאַר מִצְוֹת מַעֲשִׂיּוֹת, וכו' עיין שם.

וּשְׁמִירַת צִיצִית, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֵינַיִם" - ציצית מיינט מען היטן די אויגן, "הוּא שְׁמִירָה מֵעֲצַת הַנָּחָשׁ, וְיָכוֹל לְקַבֵּל הָעֵצוֹת מִצַּדִּיק, שֶׁהוּא כֻּלּוֹ זֶרַע אֱמֶת!". וואס הייסט ציצית? היטן די אויגן!

"וְזֶה פֵּרוּשׁ (בבא בתרא עד.): אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: אֲמַר לִי הַהוּא טַיְעָא, תָּא אַחֲוֵי לָךְ טוּרָא דְּסִינַי" - קום וועל איך דיר ווייזן דעם הר סיני. "אֲזַלִי וַחֲזָאִי דְּהַדְרָן לֵהּ עַקְרַבֵּי" - ארום דעם הר סיני שטייען ארום און ארום עקרבין, נחשים ועקרבים. דער הר סיני איז דאך די עצות דקדושה, איז ארום און ארום איז דער נחש. "וְקָיְמִין" - ווי קען מען איינשטיין? זאגט דער רבי, "כִּי חַמָרֵי חִוַּרְתָא. האב איך געהערט א בת קול שֶׁאוֹמֶרֶת: אוֹי לִי שֶׁנִּשְׁבַּעְתִּי; וְעַכְשָׁו שֶׁנִּשְׁבַּעְתִּי, מִי מֵפֵר לִי".

(טייטשט דער רבי:) "תָּא וְאַחֲוֵי לָךְ טוּרָא דְּסִינַי, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֵצוֹת, כִּי שָׁם קִבְּלוּ תַּרְיַ"ג עֵטִין" - קום וועל איך דיר ווייזן די עצות, אידן האבן אזעלכע הייליגע עצות פונעם בארג סיני. "האב איך געזעהן אז ארום און ארום איז דא דער נחש, הַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ עֲצַת נָחָשׁ, עֲצַת רְשָׁעִים, שֶׁעַל יְדֵיהֶם אֵין יְכוֹלִים לְקַבֵּל עֲצַת צַדִּיקִים, זֶרַע אֱמֶת".

עס איז דא דער בארג סיני, און ארום און ארום איז גאר דא די נחשים ועקרבים, קען מען נישט צוקומען צום בארג סיני; ארום די עצות דקדושה איז דא עצת הנחש, קען מען נישט מקבל זיין עצת צדיקים, זרע אמת.

"וְקָיְמוּ כִּי חַמְרֵי חִוַּרְתָא" - טייטש דער רבי, "דאס מיינט מען ציצית, וואס ציצית איז א שמירה מעצת הנחש מניאוף, אזוי ווי חז"ל זאגן (מנחות מג:): 'אֵיזֶה עָנְשׁוֹ גָּדוֹל, שֶׁל לָבָן אוֹ שֶׁל תְּכֵלֶת? וְאָמְרוּ: מָשָׁל לְאֶחָד, שֶׁצִּוָּה לְהָבִיא לוֹ חוֹתָם שֶׁל זָהָב, הַיְנוּ תְּכֵלֶת וְחוֹתָם שֶׁל טִיט, הַיְנוּ לָבָן'".

תכלת איז דאך א חשוב'ע זאך, און א 'חותם של טיט' דאס איז לבן, און זיי האבן נישט געמאכט, זיי האבן נישט געבראכט. וואספארא עונש איז גרעסער? מילא א

חותם של זהב - איך הײם דיר ברענגען, האסטו נישט אזוי פיל פארמעג, אבער א 'חותם של טיט' און דו האסט נישט געבראכט?!

"'חמרי חיוורתא' איז מרמז אויף לבן, דאס מיינט מען ציצית, 'חַמְרֵי' לְשׁוֹן חֹמֶר וָטִיט; 'חִוָּרָא' הַיְנוּ לָבָן, כִּי עַכְשָׁו זֶה עִקַּר הַצִּיצִית" - די לבן.

"וקיימו" - טייטש דער רבי, ווי מען קען איינשטיין מען זאל ניצול ווערן מעצת הנחש? "כי חמרי" - ווערליג ער איז אפגעהיטן מיט די ציצית, אזוי קען ער איינשטיין אין די עצות דקדושה און ניצול ווערן מעצת הנחש. קומט דאך אויס, דורך ציצית איז מען זוכה צו אמת, איז מען זוכה צו אמונה, וועט דאך זיין די גאולה.

"וְשָׁמַעְתִּי" - האב איך געהערט, "בַּת קוֹל שֶׁאוֹמֶרֶת, אוֹי לִי שֶׁנִּשְׁבַּעְתִּי. פֵּרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל: 'עַל הַגָּלוּת'. הַיְנוּ, עַל יְדֵי צִיצִית יְכוֹלִין לָבוֹא לַעֲצַת צַדִּיקִים, לִבְחִינַת אֱמֶת; וְעַל יְדֵי אֱמֶת בָּאִים לֶאֱמוּנָה כַּנַּ"ל; וְעַל יְדֵי אֱמוּנָה בָּא הַגְּאֻלָּה כַּנַּ"ל. וְזֶה שֶׁשָּׁמַע חֲרָטַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל הַגָּלוּת, כִּי הַצִּיצִית שֶׁהֵם 'חֲמָרֵי חִוָּרָא' גָּרַם כָּל זֶה".

'אז אידן זענען מקיים ציצית, איז מען זוכה צו אמת, צו אמונה, האט דער אויבערשטער חרטה אויף דער גלות'.

❖

## דעם רבי'נס עצות

די עצות פונעם צדיק איז אזוי, ער איז אים נאר מעורר לעבודת השם, ער גיט מער התחזקות אין דער זאך - ווייטער נישט; 'עשה' – טוה אזוי, זאגט ער נישט![כח]

---

[כח] עיין חיי מוהר"ן ת"ל: "אֵין דַּרְכּוֹ לְיַעֵץ אֶת הָאָדָם וְלִגְזֹר עָלָיו בְּדַוְקָא שֶׁיַּעֲשֶׂה דַּוְקָא כְּמוֹ שֶׁהוּא מְצַוֶּה רַק הוּא מְיַעֲצוֹ בְּדֶרֶךְ עֵצָה טוֹבָה אִם יַעֲשֶׂה יַעֲשֶׂה וְאִם לָאו לָאו. אַף עַל פִּי שֶׁרְצוֹנוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה כָּךְ, אַף עַל פִּי כֵן אֵין דַּרְכּוֹ לִדְחֹק עַל שׁוּם דָּבָר שֶׁיִּהְיֶה דַּוְקָא כָּךְ, אֶלָּא אִם יִהְיֶה יִהְיֶה וְאִם לָאו לָאו. וְיֵשׁ לִי כַּמָּה טְעָמִים עַל זֶה" וכו' עיין שם.

(פעם אמר מוהרנ"ת לרבינו:) **"רבי, איר קענט מפקיר זיין א מענטשן!"**[כט].

**דער צדיק שטעלט אוועק אויף דער בחירה, ער זאגט נישט.**

**דער אויבערשטער אליין גיט יענעם א נסיון און בשעת דער נסיון איז ער דאך מעלים פון אים זיינע כוחות. איז דאך די קשיא, זאל מען אים זאגן? מען זאגט נישט, מען גיט דאך אים א נסיון**[ל].

**אפילו זיין קינד האט ער** (- מוהרנ"ת) **נישט געזאגט, ער האט נאר גערעדט מיט אים בכלליות, געשריבן צו אים אין די מכתבים, מעורר געווען אין אידישקייט - יא, דאס איז ביי אלעמען גליך, נאר זאגן יענעם בפרטיות 'טוה אזוי', 'מאך דעם מסחר', 'פארקויף דעם מסחר' - דאס נישט.**

**"ואני תפילה" - האט דער רבי געזאגט, "מיין זאך איז תפילה!"**[לא] **יעדע זאך דארף מען נעמען מיט תפילה. דאס אליין אויך - אז יענער פרעגט,** (ענטפער אים:) **'מיר האבן נישט קיין אנדערע עצה – זיי מרבה בתפילה, איך ווייס נישט, איך קען נישט'** (- געבן קיין עצה).

**אוודאי, אז ער פרעגט א זאך אויף שלעכטס, דארף מען זאגן 'מען טאר נישט!' מיר האבן דאך א תורה, מען טאר נישט! אבער זאכן וואס איז נישט קיין איסור נאר 'אזוי' צו 'אזוי', קען מען קיין עצה נישט געבן.**

---

[כט] עיין שיש"ק (חדש) ח"א, אות ק"פ: "הנהגת רביה"ק בנתינת עצות היתה דבר פלא, כי מעולם לא נתן עצה במפורש לשואל לומר לו שיעשה כך וכך בדוקא; והגיעו הדברים לידי כך שאזר פעם מוהרנ"ת עוז ופנה לרבינו בתמיהה: "**רבי, איר קענט מפקיר זיין א מענטשן!**", וענה רבינו ואמר לו: "**טאקע אזוי, טאקע אזוי!**".

[ל] עיין ליקוטי הלכות הל' נפילת אפים ה"ו, אות ח': **וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁבִּשְׁעַת הַנִּסָּיוֹן שֶׁל כָּל הָאָדָם, אֵין הָאָדָם בְּדַעְתּוֹ בִּשְׁלֵמוּת בְּעִנְיַן הַנִּסָּיוֹן, כִּי אִם הָיָה דַּעְתּוֹ שָׁלֵם בָּזֶה, לֹא הָיָה לוֹ נִסָּיוֹן כְּלָל.** עיין גם הל' מנחה ה"ז, אות מ"א: **כִּי בֶּאֱמֶת אִי אֶפְשָׁר לְגַלּוֹת זֶה הַסּוֹד כִּי אִם בְּרֶמֶז שֶׁיָּבִין הָאָדָם בְּעַצְמוֹ עַד הֵיכָן צָרִיךְ לְהִתְחַזֵּק. כִּי אִי אֶפְשָׁר בְּשׁוּם אֹפֶן לְגַלּוֹת לוֹ בְּפֵרוּשׁ, כִּי אִם כֵּן תִּתְבַּטֵּל הַבְּחִירָה, כִּי בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּשָּׁאֵר לוֹ בְּחִירָה.**

[לא] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' צ"ג.

**אפילו יענעם זאגן א חומרא - טאר איך אויך יענעם נישט זאגן. די תורה האבן מיר מקבל געווען, אבער טאמער עס איז א חומרא קען איך שוין יענעם נישט זאגן, ווייל איך וויים נישט יענעמ׳ס מקום, ווי קען איך יענעם זאגן א חומרא?!**

**׳בעט דעם אויבערשטן׳ - דאס איז עפעס אנדערש. בעט דעם אויבערשטן, ער וועט דיר געבן כח - דו וועסט קענען מאכן אלע חומרות, אבער זאגן יענעם ׳עשה כך׳?! דאס אליין איז אויך אַן אמת אז מען קען יענעם נישט זאגן!**

**אז מען קומט זיך צונויף דארף מען רעדן נאר פונעם תכלית, מרבה זיין בתפילה, בעטן דעם אויבערשטן - מער נישט!**

(השואל: מען האט דאך נישט געפרעגט דעם רבי׳ן אויף גשמיות נאר אויף רוחניות, מען האט דען געפרעגט רבי נתן׳ען עצות בגשמיות? מען האט זיך געשעמט אינגאנצן פרעגן דערויף!?) **עס איז א דבר ידוע אז מען האט קיין עצות נישט גגעבן, מען האט נישט געגעבן קיין עצות.**

(השואל: וואס איז מיט א חומרא?) **א זאך וואס איז נוגע לחומרא האט מען אויך יענעם נישט געזאגט - עס איז דא אסאך חומרות; א זאך וואס איז א הלכה אין שלחן ערוך - האבן מיר דאך א תורה, אבער א חומרא - ׳בעט דעם אויבערשטן׳, דער אויבערשטער וועט דיר געבן א געדאנק, איך וועל נישט זאגן יענעם, מען האט זיך זייער געהיט.**

**דאס אליין איז אויך אַן אמת – מען האט נישט געוואלט צו יענעם מישן זיך![לב]**

---

[לב] עיין עוד מזה בשיש״ק (חדש) ח״א, אותיות ק״פ-קפ״ד.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס, הלא הם

מוהר"ר **יצחק אלטר פיש** הי"ו

בארא פארק

לרגל אירוסי בתו למזל טוב

מוהר"ר **וואלווי שטיינער** הי"ו

וויליאמסבורג

לרגל אירוסיו בשטומ"צ למזל טוב

מוהר"ר **יצחק משה**
**גאלדבערגער** הי"ו

מאנסי

לרגל אירוסי בתו עם החתן החשוב
כמר אברהם פריעדמאן נ"י למזל טוב

מוהר"ר **שמשון**
**ווייס** הי"ו

וויליאמסבורג

לרגל אירוסי בתו עם החה"ח יוחנן
הארטמאן נ"י למזל טוב

מוהר"ר **נפתלי שווארץ** הי"ו

בארא פארק

לרגל אירוסי בתו למזל טוב

בקשו רחמים לרפואת האברך

**אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל**

לרפו"ש בקרוב בתושח"י

# לזכרון בהיכל ה'

מו"ה צבי ארי'
ב"ר יצחק ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג
תנצב"ה

מרת שרה רבקה ע"ה
בת ר' אפרים
נלב"ע ח' ניסן תשע"ז
תנצב"ה

מרת רוחמה שרה ע"ה
בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
תנצב"ה

מו"ה יצחק יעקב
ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
יארצייט י"ב אייר
תנצב"ה

מרת פיגא רבקה
בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב
תנצב"ה

מו"ה יעקב ב"ר שמואל
הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
תנצב"ה